יוני 1923


8
רעדאקטירט פון א. לעיעלעס
אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אינזיך"
פרייז 25 סענט

# אין זיך

מאנאטליכער זשורנאל פאר
אינטראספעקטיווער ליטעראטור.

באנד 3. | יוני, 1923. | נומער 8.


א. לעיעלעס.

## ריטם, פארם, טעכניק

מיר האבן געזען: *) קונסט איז א וועג — פאר דעם קינסט־לער — צו באנעמען די וועלט, דעם עמעס פון דער וועלט. מיט זיין ארבעט טוט דער קינסטלער צוויי זאכן. ער גיט עקספּרעסיע זיך און ער טייטשט פאר זיך אויס די וועלט, וואס איז אויסער זיין איך. דער אינטראספעקטיווער פּאעט באטאנט נאך דערביי, אז דער וועג צו דער אויסערליכער וועלט לויפט דורך „זיך". די גאנצע וועלט גייט אריין אין אים. „דער יאם פליסט אריין אין דעם טראפּן".

מיר האבן ווייטער געזען, אז די פיגוראטיווע שפראך אין דער פּאעזיע איז פון גרויס וויכטיקייט. זי העלפט דורך אנונגען, דורך אינערליך געאנטע בילדער אויסצודריקן דאס אומאויסדרוקבארע, דאס פאר וואס עס איז נישטא קיין ווערטער, כאטש עס ווערט טיף און אינטענסיוו געשפּירט. מיט דער הילף פון דער פיגוראַ־טיווער שפּראך לאזט דער פּאעט פילן, אז עס איז דא אן אנדער וועלט, ווי די שיינבארע און אז די, וואס מיר באנעמען מיט אונ־זערע כושים, איז בלויז א רעפלעקס, א שאטן פון דער עמעסער וועלט.

אבער דיזעלבע פונקציע און עפשער אין א נאך שטארקערער מאס, האבן אלע אנדערע עלעמענטן אין דער פּאעזיע.

אין דער ערשטער ליניע קומט דער ריטם — און עפשער אויך אין דער לעצטער.

ריטם איז אייגנטליך דאס, וואס שאפט דאס ליד. ווען אי־מיצער ווערט „באווירקט" פון א ליד, איז עס הויפּטזעכליך א דאנק דעם ריטם. ווי אפט פילט דער, וואס לעזט א גוט ליד, אז ער וואלט

*) ז. „אין זיך" 7.

Rhythm is the key to the numenous, 4th dimension



ניט געווען אימשטאנד צו ערקלערן, וואס דאס ליד מיינט אייגנטליך, וואס דער פאעט האט געוואלט — און דאך פילט ער זיך עפעס פארכאפט, מיטגעריסן. דאס האט דער ריטם אויפגעטאן.

וואס איז דער ריטם?

עס איז נ י ט די זינגעוודיקייט, עס איז ניט קיין „קלינגנדע גראמאטיק", עס איז ניט די גוט־געמאסטענע פערזן־פיס און טאקטן. עס איז דער אינערליכער עצעם פון דעם ליד, וואס האט אפטמאל ניט צו טאן מיט די ווערטער און אפילע ניט מיט די בילדער. עס איז דאס „אומדערקלערליכע", וואס דער פאעט אליין וואלט ניט געקאנט פארטייטשן, און וואס דער לעזער וועט טרעפן מיט'ן פינגער אין הימל, אויב ער וועט פרואוון צו אנאליזירן און פארטייטשן.

עס איז די אנונג — דורך קלאנג און קאמבינאציע פון קלאנגען, דורך אסאציאציעס, סוגעסטיעס און ווארט־פארבן — פון עפעס וואס קאן אנדערש ניט אויסגעדריקט ווערן. עס איז א מין זעלישע, אינטואיטיווע אנאמאטאפייע, דער פארזוך — מערסטנס אומבאוואוסטזיניק — איבערצוגעבן די וויבראציעס פון דער נעשאמע אין א געגעבענעם פאל, אונטער באשטימטע אומשטענדן, אין א דעפיניטיווער סיטואציע.

עס איז מעגליך, אז מען זאל אבסאלוט ניט „פארשטיין" קיין ליד, און דאך זאל עס מאכן א שטארקן איינדרוק. יעדער עמעסער ליענער פון פאעזיע וועט עס מוידע זיין. וואס האט דא, אלזא, „געמאכט" דאס ליד? בלויז יענעם אומדעפינירבארעס, וואס דער פאעט האט מיט דעם קויעך פון זיין אינטואיציע אריינגעלייגט אין דעם ליד, און וואס איז א פונק פון דער נומענאלער וועלט אנטקעגן דער פענאמענאלער, און וואס קאן ניט אנדערש באצייכנט ווערן ווי ריטם — דער אלגעמיינער ריטם פון א ליד.

און דאס איז דער סימען פון די פארשידענע גראדאציעס דיכטער, פון דעם קוים־דיכטער ביז דעם געניאלן דיכטער. דער איינטאניקער ריטם איז דער בעסטער סימען פון דעם קליינעם, דעם פלאכן, דעם אומבאדייטנדן — דעם דריי־דימענסיאנאלן און עפשער בלויז צוויי־דימענסיאנאלן פאעט. דער פאעט וואס אנט די פערטע דימענסיע, די וועלט פון די עמעסע רעאליטעטן, די נומענאלע וועלט — דער איז רייך אין ריטמען, אין ניואנסן פון ריטמען, ווייל בלויז דורך דער גרויסער, צאל־ און ניואנסן־רייכער ווריאציע פון ריטמען קאנען מיר — די דריי־דימענסיאנאלע מענטשן — דערגיין צו דעם עמעסן איינציקן ריטם פון דער וועלט, דעם קאסמישן ריטם — וואס איז „דאס געזאנג פון דער וועלט".

אלץ אין אונזער לעבן איז ריטמיש, פון די באוועגונגען פון די מיריאדן הימלישע קערפערס — ביז דעם צירקולירן פון אונזער



בלוט, ביז יעדער ארגאנישער פונקציע פון דעם קלענסטן און גרעסטן רעפרעזענטאנט אין ארגאנישן רייך. פארוואר! פונקט ווי אט־די אלע ריטמען זיינען ניט מער, ווי רעפלעקסן פון איין גרויסן אונז אומפארשטענדליכן ריטם פון דער גארער וועלט, אזוי זענען די פארשידנארטיקע, פילפאכיקע ריטמען אין א פאעט'ס שאפונגען בלויז די רעפלעקסן פון דעם איין־איינציקן ריטם, וואס איז ע ר — דער פאעט, ע ר — דער טייל פון דער גאנצער וועלט.

מאנאטאנער ריטם ביי א דיכטער איז א באוויז, אז ער הויערט אין א פלאך, בלויז אין איין באשטימטן ווינקל, און דער ווינקל איז קליין און ארים. ער מעג דיכטן וועגן טויזנט זאכן, אבער אין דער עמעסן זיינען עס קאפירונגען פון בלויז איין זאך, די רעפראדוקציעס פון איין קלישע. דער איינטאניקער, דער איינצלנער ריטם דערציילט עס און לאזט ניט איבער קיין צווייפל.

דאס איז די אורזאך פון דעם „אפשטארבן" פון דיכטער, מעגן זיי שרייבן זיבעציק יאר. פילפאכיקייט פון ריטמען מיינט וואקסן, און וואקסן איז ל ע ב ן. פילפאכיקייט פון ריטמען איז אויסדרוק פון דעם דראנג זיך ארויסצודרייסן פון די מיליאסן אילוזיעס, מיט וועלכע די פענאמענאלע וועלט האט אונז ארומגעוועבט; איז פילפאכיקער און פילשטאפלדיקער לייטער צו דעם „נומען" פון זאכן. איינטאניקער ריטם איז דאס פארפאלן אין א י י ן אילוזיע, דאס ניט וועלן און נאך ריכטיקער דאס ניט ק א נ ע ן ארויסרייסן זיך פון דער איינער אילוזיע.

דאס איז „שטימונג", „געפיל", „הארץ" און כאך אזוינע זאכן.

דורך דעם וועט איר זיי דערקענען, די וואס פארשטייען ווינציק פאעזיע, וואס האבן ניט קיין שייכעס מיט פאעזיע, מיט קונסט, — ווייל זיי האבן ניט קיין שייכעס מיט דעם דראנג צו באפרייען זיך פון די אילוזיעס פון דער פענאמענאלער וועלט: זיי וועלן זוכן, צי עס איז דא „הארץ" אדער „מויעך", זיי וועלן זיך באקלאגן אויף „טרוקנקייט", אויף דעם, וואס עס איז ניטא גענוג „געפיל".

„הארץ", „געפיל" און „שטימונג" — דאס איז עס דאס דריי־דימענסיאנעלע. דאס איז העכסטנס דער עמאציאנעלער געזאנג, וועגן וועלכן איך האב שוין גערעדט. עס איז עקוויוואלענט צו דער א י ד י ל י ע אין די קונסט־מאדרייגעס, און שטייט אויפ'ן סאמע נידריקסטן שטאפל פון דעם קונסט־לייטער. זיי ווילן מען זאל זיי „זינגען" א לידעלע, א זעמערל, עס זאל איינוויגן, איינליולן. די זיינען נאך ניט ארויסגעקראכן פון דער מאדרייגע פון דעם פאלקס־ליד. NB אויב זיי רעדן וועגן מאדערניזם, איז עס בלויז צינזן — דער צייט. אינדערעמעסן ווילן זיי לידער פון „הארצעניו, קרוינעניו, ליובטשעניו

מיין לעבן, שוויג שוין אביסעניו שטיל, אוי ווען וועסטו מיר שוין געבן, אוי דעם וועמען איך וויל”.

דאָס איז די נידריקסטע מאדרייגע פון פּאָעזיע, איינטאָניק, איינריטמיש, פּלאַך און אידיליש. די פּאָעזיע, וואָס דער המון דערפילט, אַז אָט דאָס איז פּאָעזיע, דאָס „נעמט”.

עס איז דער ריטם פון דעם, וואָס א י ז ריכטיקער פון דעם, וואָס איז נ י ט, ווייל עס איז בלויז דאָס שיינבארע, אָן שום אָנונג פון דעם, וואָס קאָן זיין, פון דער רעאַליטעט הינטער דער אילוזיע.

רעדט אייך אימיצער וועגן צעטיילונגען צווישן „הארץ” און „גערשנק” — ווייסט, אַז איר האָט צו טאָן מיט א פלאַך, מיט שאָטנס, וואָס פירן דאָס לעבן פון אומזועלבשטענדיקע רעפלעקסן. מען צעטיילט: גנפיל־פּאָעזיע און גערשנק־פּאָעזיע.ביידע זיינען פאַלש. ביידע אילוזיעס. ביידע רעפלעקסן, אילוזיעס פון דער זעלבער זאַך. נעדראנק און געפיל זיינען ניט אָפּצוטיילן. עס איז א קינסטליכער דואַליזם. און באַשאַפן האָט אים בלויז דער פּלאָנטער פון שפּראַך, דער „לינגוויסטישער טאָעס” פון די, וואָס האָבן מיט פּאָעזיע גאָרניט צו טאָן. ביי אונז, אידן, דערגייט עס אַד אבסורדום. דאָס וואָס מען באַנעמט ניט — ווייל אין א גאַנץ אַנדער וועלט — זאָגט מען: „עס איז מוט’ן מויעך” ניט מיט’ן „הארץ” און מען פילט אַליין ניט, ווי מיזער דאָס איז און וואָס פאַר א מוירעדיקער איגנאָראַנץ מען ווייזט אַרויס. וואָס איז „פאוסט” — נעדראנק אָדער געפיל, מויעך אָדער הארץ? און „דער שטורעם” און די „געטליכע קאָמעדיע”? און פראַנסיס טאָמפּסאָנ’ס „דער קעלעוו פון הימל”?

„געפיל־פּאָעזיע” און „גערשנק־פּאָעזיע”, אויף וויפיל אזוינע זיינען דאָ, זיינען ביידע רעזולטאַטן פון מאָנאָטאָנעם ריטם, און, פאַרשטייט זיך, פאַרקערט. ביידע — ריטמישע איינטאָניקייט, ביידע קליינע איינגעצאַמטע אילוזיעס. בלויז פון דעם צוזאַמענשמעלצן פון געדאַנק און געפיל אונטער גרויסער געשפּאַנטקייט, אזוי אַז אַלס רעזולטאַט קומט אַרויס א כעמישער געמיש, וואָס איז ניט ענליך צו ביידע — קינסטלערישע, שאַפנדע אינטואיציע, בלויז דאָס איז דער עמעס, דער עמעס, וואָס איז אַבסאָלוט ניט צוגענגליך דעם דואַליסט, וואָס איז אַליין צעשפּאָלטן און זוכט זיין אייגענע באַרעכטיגונג אין צעשפּאַלטן אַנדערע.

דער פּאָעט פון אינטואיציע איז ריטמען־רייך. יעדער ריטם איז ווי די באַפרייאונג פון אַן אילוזיע, די באַצווינגונג פון כאַאָס, די שטעגן, וואָס פירן צו דעם איין־און־איינציקן ריטם. פילפאַכיקייט אין איינס: אַלץ — אין איינס.

Francis Thompson



עס וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטע זאַך צו אַנאַליזירן די ריטמען פון פאַרשידענע דיכטער. פאַרגעסט די ווערטער. פאַרגעסט די אידייען, וואָס ווערן אין א ליד אַריינגעלייגט. פאַרגעסט דעם אינהאַלט, מאַכט צו די אויגן און גיט זיך איבער בלויז דעם ריטם. בלויז דאַן וועט איר דערשפּירן, דערפילן, באַנעמען און ערגאַבערן דעם פּאָעט. וואָס זאָגט וואָלט וויטמאַן? עס הויבט מיך ניט אָן צו אינטערעסירן. נאָר וואָלט וויטמאַנ’ס ריטמען לעבן פאַר מיר שטענדיק, און איך ווייס, אַז ד אָ האָב איך אים איינגאַנצן — די גרויסע פיגור פון דער וועלט־פּאָעזיע. און דאָס זעלבע ווייס איך וועגן יהואש’ן. איך דאַרף גאָרניט געדענקען וועגן וואָס ער דיכטעט. איך ווייס אָבער, אַז זיין ריטם פאַרלאָזט מיך זעלטן, און ער מאַכט מיך אומרואיק.

לעבן דעם ריטם האָבן אַלע אַנדערע עלעמענטן פון פּאָעזיע א פיל קלענערע באַדייטונג. אַלעס ווערט אויפגעלייזט אין דעם ריטם. דאָס איז די „פאָרם” וועגן וועלכער עס האָבן אזוי ליב צו רעדן מענטשן מיט צעטומלטע באַגריפן וועגן פּאָעזיע. און אויב מיר וועלן זיך אַריינטיפן אין דעם באַגריף ריטם און אין זיין אינערליכן ווערט, וועט מען עפשער פאַרשטיין, וואָס איך מיין מיט דעם שטענדיקן ווידערהאָלן, אַז פאָרם און אינהאַלט זיינען איינס. ווערטער, אידייען, אינהאַלט, בילדער האָבן פאַר זיך אַליין ניט קיין זעלבשטענדיקע באַדייטונג אין א ליד. זיי זיינען בלויז דאָ — צו באַדינען. זיי העלפן דער באַשאַפונג פון דעם ריטם. ווען דעם פּאָעט גיט זיך איין צו קאָמבינירן זיינע ווערטער — סיי לויט די אַסאָציאַציעס און סוגעסטיעס, וואָס זיי רופן אַרויס, סיי לויט דעם קלאַנג; ווען אים געראָט זיי צו ברייגנען אין דער נויטיקער באַציאונג מיט אַלע מוזיקאַלישע עלעמענטן פון דעם ליד, אַריינגערעכנט דעם גראַם אָדער די טאַקטן; ווען די בילדער און „אידייען”, וואָס ער לייגט אַריין, זיינען אין דערזעלבער באַציאונג צו די דאָזיקע עלעמענטן — דאַן האָבן מיר אַלס רעזולטאַט דעם ריטם פון דעם ליד, די „פאָרם” פון א ליד, די נעשאָמע פון דעם ליד — דאָס ליד.

ווען הינטער דעם אַלעם איז נאָך דאָ דער דראַנג, דער ווילן צו רייסן די שלייערן, וואָס הענגען איבער דער פענאָמענאַלער וועלט, וועט אַזא ריטם זיין דער וועג צום עמעס, דער וועג, וואָס וועט גלייכצייטיק דורכברעכן די פּריזמע פון דעם פּאָעט’ס „איך”, און פירן צום אָביעקטיוון עמעס, וואָס איז דאָ און בינדנד פאַר אַלעמען.

מען האָט ביי אונז לעצטנס עפּעס גענומען רעדן וועגן „פאָרם” און „טעכניק”. פּערזענליך האַלט איך, אַז די דאָזיקע צעטומלטע ווערטער זיינען ספּעציעל אויסגעטראַכט געוואָרן „לעקאָוועד” די איניכיסטן, און עפשער בלויז „לעקאָוועד”

מען געוואלט באטאגען, אז די אינזיכיסטן האבן גארניט אויפגעטאן. סיידן עפעס אין דער „טעכניק”.

דער פיזמען איז פורע צעטומלטקייט. ער קאן ניט האלטן קיין וואסער — ביי דער ערשטער נענטערער באטראכטונג.

עפשער האט די צעטיילונג אויף פארם און טעכניק נאך א שטיקל זין אין אנדערע קונסטן, אין מוזיק אדער מאלעריי, כאטש אויך דארט בלויז צייטווייליק און אויבנאויף. אין דער פאעזיע קאן מען די צעטיילונג אבסאלוט ניט אנווענדן. אויב מען פארשטייט, אז די הויפט־זאך אין א ליד איז דער ריטם, דארף מען אויך פארשטיין, אז עס קאן ניט געמאלט זיין קיין שלעכטע „פארם” מיט גוטער „טעכניק” און פארקערט. דער ריטם באקומט זיך אלס רעזולטאט פון דער אבסאלוטער געגנזייטיקער צוגעפאסטקייט און צונויפשמעלצונג פון אלע עלעמענטן פון פאעזיע. מעמילע קאן שוין ניט געמאלט זיין א י י ן גוטער עלעמענט מיט א שלעכטן אלגעמיינעם רעזולטאט. אויב דער אלגעמיינער ריטם פון א ליד איז שלעכט, קאן ניט זיין קיין „גוטע טעכניק”. ווארים דאן וועט די טעכניק זיין ניט־צוגעפאסט. ערגא — שלעכט. דאסזעלבע פארקערט. עס קאן ניט זיין קיין גוטע „פארם” (ריטם) מיט שלעכטער „טעכניק”. אויב טעכניק איז א פאעטישער עלעמענט, און אויב ער איז שלעכט, ניט־צוגעפאסט, קאן דער ריטם אויך ניט זיין גוט. אבסאלוט ניט.

טעכניק אין פאעזיע איז א פוסטער קלאנג. אויב מען פארשטייט אונטער דעם דאס ו ו י ס ן, לעמאשעל, אז א סאנעט פארמאגט פערצן שורעס און דאס קאנען צענויפקלייבן פערצן שורעס, איז מען זייער נאאיוו — מילד גערעדט. די איינציקע באדייטונג, וואס דאס ווארט טעכניק קאן יא האבן אין פאעזיע איז — פ א ר ע נ ד י ג ק י י ט, דער איינדרוק, אז דאס ליד האט אזוי, אין אזא פורעם ג ע מ ו ז ט זיין און ניט אנדערש. אבער אט־די פארענדיגקייט איז דער רעזולטאט פון גוטן א נ ה י י ב ביים ליד, פון דעם גלייך דירעקט, אינטואיטיוו געפונענעם פורעם, וואס מאכט נאך שטארקער פילן די פ ו ל ק י י ט פון ריטם. און דאס מיינט אויך, אז טעכניק איז העכסטנס אן עלעמענט פון פארם און מעמילע קאן מען ניט אויפשטעלן קיין לאגישן זאץ: „שלעכטע פארם — גוטע טעכניק” און פארקערט. ניטא און עס קאן ניט זיין אין פאעזיע אזא זאך, ווי אן אונטערשיד און געוויס ניט קיין אנטגעגנשטעלונג צווישן פארם און טעכניק.